וועטער:
קלאר און מילד

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910
PUBLISHED
DAILY

7

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST.

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 6.28.
זון אונטערגאנג — 6.7.

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע.
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21, No. 221. Monday, October 5, 1931.

Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג

מאנטאג כד' תשרי, תרצ"ב.

THE NEW YORK
PUBLIC LIBRARY
OCT 10
...OR, LENOX AND
...N FOUNDATIONS

אנב-אורחא

פון מארק

וועגן פארשיידענע זאכן

וואו זיינען עס די אידן וואס ווילן ווערן פארמערס? — די סטאטיסטיק שמאלץ גרוב רינט אויס. — די קללה פון צדקה. — נאך א אידישע פרנסה גייט אונטער.

לויט דעם ווי מען רעדט ביי אונז וועגן פארמעריי און ווי מען קהל'ט זיך ביי אונז וועגן פארמעריי, קאן מען מיינען, אז יעדער שטאטיקער איד איז ביי אונז צו יעדער צייט גרייט אוועקצואווארפן דאס מנחם־מענדלישע שטעטעלע, אויפגעבן די לופט־גליקן פון שטאט און לויפן אויפן פארם.

טאקע, וועלכער איד איז עס ניט פאראינטערעסירט אין פארמעריי? וועלכער איד וועט אייך ניט זאגן מיט א זיפץ, ווען איר רעדט מיט אים, אז ער וואלט צו יעדער צייט מוחל געווען די שטאטיקע קאפ־דרייעניש פאר א רואיק שטיקל ברויט אויפן לאנד? און אין וועלכן אידישן ישוב אין דער וועלט זיינען עס ניטא קיין אידן, איינציקע אדער אין ארגאניזאציעס, וואס בויען פארשיידענע אידישע קאלאניזאציע פלענער?

אזוינע זיינען אזעלכע פלענער־מאכער און פארם־הונגעריקע אידן אויך דא אין וויניפעג.

אבער וואו טריקענען זיי אויס, ווען עס קומט צו דער מעגלאכקייט צו פארווירקלאכן די פלענער און צו באזעצן זיך אויפן לאנד?

* * *

אט האט "דאס אידישע ווארט" אנומלט געמאלדן וועגן דעם פלאן צו קאלאניזירן 200 וויניפעגער ארבעטסלאזע משפחות אויפן לאנד, א פלאן וואס ווערט באטראכט זייער ערנסט און וועט אפשר גאר אינגיכן פארווירקלאכט ווערן.

מיר האבן געפרעגט אידישע ארבעטסלאזע וואס ווילן אויסנוצן די געלעגנהייט צו קאלאניזירן זיך, צו זיין גרייט און צו פרובירן ארגאניזירן זיך אין א גרופע, טאמער וועט עס זיי געלינגען דערנאך קאלאניזירט צו ווערן צוזאמען, אין איין גרופע, און אפשר אויך ארגאניזירן געוויסע פארמען פון קאאפעראציון פארקויף און קאאפעראטיווער פראדוקציע.

האט איר פון אזעלכע געהערט? מיר ניט. מיר האבן געקראגן אן אנפראגע וועגן דעם פלאן פון איין אידן, איז ער אבער ניט קיין וויניפעגער און מען קאן זיך דערפאר מיט אים ניט באנוצן.

איז עס ביי אונז אין שטאט פון די הונדערטער אידישע ארבעטסלאזע ניטא קיין איין צענדליק, וואס וואלטן ניט בלויז אין דער טעאריע, נאר טאקע אין דער פראקטיק געוואלט באזעצן זיך אויפן לאנד, ווען עס מאכט זיך אזא געלעגנהייט צו באנוצן זיך מיט דער מיטהילף פון דער שטאט, דער פראווינץ און דער פעדעראלער רעגירונג?

* * *

איך וויל ניט זאגן, אז פארמעריי איז א גליקלאכע פרנסה.

אבער איז עס בעסער אין שטאט? קאנען מיר אונטער די הערשנדיקע באדינגונגען ווארטן אויף שטאטיקע גליקן?

איך מיין, אז ווי שווער עס זאל איצט ניט זיין צו זיין א פארמער, איז עס נאך שווערער צו זיין א איד אין שטאט. — און די לאגע ווערט כסדר ערגער.

אז ס'איז ניטא קיין פרנסה, דאס דארף מען דאך אייך ניט דערציילן.

אבער ערגער פון אלץ איז, וואס די אידן וואס ווערן ארויסגעשטויסן פון זייערע פרנסות קומט אן צען מאל שווערער צו קריגן באשעפטיקונג, ווי די ניט־אידן.

אט האט די קאמיסיע פונם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, וואס האט אויסגעפארשט די לאגע אין אזא אידישער שטאט ווי ניו־יארק, אויסגעפונען, אז ניין פון יעדע צען גרעסערע ארבעטסגעבער ווילן בפירוש ניט אנשטעלן קיין אידן.

און ווייסט איר סיידן ניט, אז דא ביי אונז איז די לאגע ניט א סך בעסער, און אידן ווערן אזוי ממש געטריבן צו מנחם־מענדלשע פרנסות און די דאזיקע פרנסות ליגן אויך ניין איילן אין דער ערד?

און אויב עס זיינען נאך דא אזוי פיל ניט־אידן וואס רייסן זיך פון שטאט אויפן לאנד, האט די באוועגונג צווישן אידן געדארפט זיין א סך א גרעסערע.

* * *

באוועגונג? נו, אווארע האבן מיר א "צוריק צום לאנד" באוועגונג, — אבער ווי אלע אידישע באוועגונגען איז דאס א טעארעטישע און א פילאנטראפישע, — פאר "אונזערע ארימע ברידער", אזוי צו זאגן.

אונזער צדקה גנפיל, — די קללה פון צדקה: מיר קעמפן רק פאר יענעם, און ניט פאר זיך.

ציוניזם, קאמוניזם, סאציאליזם, פארמעריי, — מיר אליין דארפן עס ניט און ווילן עס ניט! אויב מיר קעמפן פאר דער אדער אנדער זאך מיט צייט און געלט, איז עס נאר פאר טובת הכלל...

* * *

האט כאטש אמאל א איד מיט א שארפן חוש פאר געשעפט און א שוואכן חוש פאר ערלאכקייט געקאנט ראטעווען זיך פון זיין אידישן גורל דורך שמד.

אנערקענט דעם יוזל און אנגעטאן א צלם אויפן האלז, — איז אראפ דער הארב פון די פלייצעס. א איד? ניין, א קריסט. און אלץ איז פאר אים אפן, אויף וויפל ס'איז אפן פאר אלע קריסטן און נאך אביסל מער, ווייל דער קאפ, אפילו ווען ער איז באשפריצט געווארן מיטן "היילקן וואסער", איז נאך דערפון ניט געווארן קיין גויאישער...

היינט פרעגט מען שוין אבער ניט "איד אדער קריסט?" ניט אומזיסט האט מען דאך אזויפיל געקעמפט קעגן רעליגיעזע פאראורטיילן!

היינט פרעגט מען, פון וועלכן אפשטאם? און מאגט איר טראגן, אנגעשולדיקט פארן אויסדרוק, צען צלמים, וועלן זיי אייך ניט ראטעווען פון אנטיסעמיטיזם, אויב נאר איר שטאמט פון אברהם, יצחק און יעקב.

אט זעט איר דאך: האבן די משומדים אין פוילן געמוזט גרינדן אן אייגענע ארגאניזאציע און זיי מוזן טאן שידוכים צווישן זיך, ווייל די אידן שטויסן זיי אפ, און די קריסטן נעמען זיי ניט אריין.

און אזוי ווערט ביסלאכווייז געשאפן א ספעציעלע משומדים געטא, און נאך איין געשעפט, וואס האט אמאל מפרנס געווען א צאל אידן מיט לייכטע געוויסנס, איז אראפ פון מארק: דער שמד געשעפט.

און וועלכער איד וועט עס סיידן זיין א נאר צו שמד'ן זיך, אז מען קאן דערפון ניט געווינען כאטש אביסל פרנסה?

אזוי גייען עס אונטער אידישע פרנסות...

פאלעסטינער שולן געשלאסן ווייל בודזשעטן זיינען אומבאשטימט

שניט אין ביישטייער פון דער אידישער אגענטור וועט אפשר צווינגען דעם ישוב איבערצונעמען א טייל פון די שולן וואס זיינען ביז איצט אויפגעהאלטן געווארן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, אקט. 5 (איטא). — די ציוניסטישע שולן אין לאנד האבן זיך היינט אינדערפרי ניט געעפנט, ווייל די אידישע אגענטור ווייס נאך ניט באשטימט וויפל געלט זי וועט קאנען ביישטייערן דאס יאר צום בילדונגס בודזשעט.

די לעצטע האט שוין אנגענומען א רעדוקציע פון דער אגענטורס ביישטייערונגען אויף ארום 100 טויזנט דאלאר א יאר. אבער ווי עס ווייזט זיך ארויס, וועט דער אגענטור אויסקומען זיך צו שניידן ווייטער דעם בודזשעט. אויב אבער די נייע רעדוקציע זאל דערגרייכן אז מין סומע ווי די ערשטע, וועט דער גאנצער שול סיסטעם מוזן רעארגאניזירט ווערן, און א טייל פון די שולן וועלן מוזן איבערגענומען ווערן פונם ישוב, וועלכער וועט זיין געצוואונגען אויפצוהאלטן זיי מיט זיינע אייגענע כחות.

ירושלים, אקט. 5 (איטא). — דער "קרן־קימת" (נאציאנאל פאנד) האט נעכטן געקראגן צוואנציק טויזנט דאלאר פון אפריקע.

דאס געלט איז געווען אן אוואנס אויפן חשבון פונם קארניוואל לטובת דעם נאציאנאל פאנד, וואס עפנט זיך היינט אין יאהאנעסבורג.

ארום פיר טויזנט מענשן אומגעקומען אין שריפות אין קאנאדע פאר די לעצטע צען יאר

מאטעריעלער שאדן איז געווען איבער 400 מיליאן דאלאר

אטאווא, אנט., אקט. 4. — פאר די לעצטע צען יאר האבן 386 טויזענט שריפות אין קאנאדע פאראורזאכט מאטעריעלן שאדן אויף 413 מיליאן דאלאר. אויסער דעם זיינען 3,926 מענשלאכע לעבנס פארלארן געגאנגען אין די שריפות, און 9,856 מענשן זיינען ערנסט פארוואונדעט געווארן.

די דאזיקע ציפערן זיינען דא פארעפנטלאכט געווארן פון דזש. גראו סמיט, דאמיניאן פייער קאמישאנער, אין זיין אפיל צו היטן די פייער־פארהיטונגס וואך, וואס פאנגט זיך היינט אן.

לעצטן יאר איז איבערן לאנד פארגעקומען 39,200 שריפות, פאראורזאכענדיק שאדן אויף $46,110,000.

"ווען מיר אנאלאזירן די דאזיקע ציפערן", — דערקלערט מר. סמיט, — קאנען מיר בעסער באגרייפן די גרויס פונם פראבלעם. די דורכשניטלאכע פארווישטונג פון פייער אין קאנאדע איז ארום 280 טויזנט דאלאר א טאג, אדער ארום 200 דאלאר יעדע מינוט פונם יאר. קאפיטאליזירט צו פינף פראצענט, מאכט עס אויס די ריזיקע סומע פון צוויי ביליאן דאל., כמעט וויפיל דער גאנצער נאציאנאלער חוב פון קאנאדע".

י. העסטרין גיט אפ אפטימיסטישן גרוס פון ארץ־ישראל

לאנד מאכט גרויסן פראגרעס ניט געקוקט אויף אלע שטערונגען. — אידן האבן ניט מורא פאר אטאקעס. — עמק אין בליענדיקן צושטאנד. — חרוב'ע קאלאניעס איבערגעבויט. — ירושלים ווערט א וויכטיקער צענטער

י. העסטרין האט נעכטן אפגעגעבן אן אפטימיסטישן גרוס פון ארץ־ישראל פאר א פאראינטערעסירטן עולם אין גרויסן תלמוד תורה זאל.

אין פארלויף פון די פיר יאר, זינט זיין ערשטן באזוך אין ארץ־ישראל ביז דעם איצטיקן באזוך, האט דאס לאנד באדייטנד פראגרעסירט, האט ער געזאגט. די יוגנט אין לאנד איז מוטיק און פעסט אנטשלאסן צו בויען, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער פראפאגאנדע מצד די אראבער קעגן דער אידישער באפעלקערונג. די יוגנט איז פארבארייט צו פארטיידיקן דעם ישוב אין פאל פון אומרוען. ווען די פאסירונגען אין 1929 האט זיך פאר אים קיינער ניט באקלאגט, פארקערט, אלע אידן האבן מיט שטאלץ דערציילט וועגן זייער העלדישער פארטיידיקונג.

"די אלגעמיינע פראפאגאנדע, האט דער רעדנער געזאגט, איז אן אויפגעבלאזענע, אנגעפירט פון א גרופע שונא ישראל, אבער אין דער זעלבער צייט איז די יוגנט גרייט צו פארטיידיקן זיך, אויך איז דער עלטערער ישוב ביי זיך פעסט און זיכער אז "אונזערע וועלן ניט דערלאזן" — און טראץ די אלע קלאגען בויט מען ארץ־ישראל.

מר. העסטרין האט דערציילט, אז אין צייט פון דעם אראבישן סטרייק האט זיך דער אידישער ישוב געפילט פעסט און זיכער, מען האט בלויז געווארנט, אז פרייטאג זאלן אידן ניט פארן קיין שכם און אומגעגנט.

די מייסטע פארניכטעטע קאלאניעס פון 1929 ווערן איצט צוריק אויפגעבויט. תולדה, וואו עס געפינט זיך דער בארימטער יער הערצל און איז אין אווגוסט 1929 פארברענט געווארן, ווערט איצט ווידער געפלאנצט. א סך נייע בוימער זיינען שוין פארפלאנצט געווארן זייט ביי זייט מיט די פארברענטע ווארצלען פון די אלטע ביימער. די דאזיקע ארבעט ווערט געטאן פון 10 בחורים און צוויי מיידלאך.

איבערן גאנצן לאנד ווערן געבויט שוץ־פלעצער אין פארשיידענע פארמעס, אזעלכע ווי וואסער טורעמס, קינדער היימען און ארבעטער קיכן. אין דער קאלאניע מגדיאל וואו עס וואוינען 600 אידישע נפשות, איז אויפגעבויט געווארן א שול וואס וועט דינען אויך אלס א פעסטונג אין צייט פון אומרוען.

דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל וויל פרידן מיט די אראבער, ער איז אבער גרייט צו פארטיידיקן זיך אין פאל זיי וועלן אטאקירט ווערן.

מר. העסטרין האט גערעדט וועגן דעם אויפבוי און איבערבוי פון א צאל קאלאניעס און שטעט. באר טוביה, א געוועזענע וויסטעניש, ווערט איצט פארוואנדלט אין א פרוכטבארער קאלאניע. מען האט זיך דארטן דערגרונטעוועט צו וואסער און עס איז דארטן אויפגעשטעלט געווארן א וואסער טורעם וועלכער דינט פאר צוויי צוועקן: וואסער און פארטיידיקונג.

די באפעלקערונג פון תל־אביב, האט מר. העסטרין געזאגט, איז איצט ארום פופציק טויזנט אידישע נפשות. פאר די לעצטע 4 יאר זיינען דארטן צוגעקומען ארום צען טויזנט נפשות.

ארום תל־אביב געפינט זיך א אידישער דארפישער ישוב פון ארום 25,000. זינט זיין ערשטן באזוך האט זיך די אינדוסטריע דארטן אנטוויקלט צו אזא שטופע, אז אירע פראדוקטן ווערן עקספארטירט מחוץ לארץ, און ווען ער איז דארטן געווען, האט ער געטראפן בלויז ארום 500 ארבעטסלאזע. אבער זיי זיינען ניט שטענדיק ארבעטסלאז נאר פון צייט צו צייט ווערן זייערע פלעצער פארנומען פון אנדערע.

(שלוס אויף לעצטער זייט)

סער הענרי טארנטאן גלויבט אז מיר זיינען אויפן שוועל פון פארבעסערטע צייטן



וואנקאוווער, ב. ק., אקט. 5. — "גאט זאל אונז העלפן, אויב מיר האבן עס נאך ניט דערגרייכט די דעק פון דער דעפרעסיע", — האט סער הענרי טארנטאן, פרעזידענט פון די קאנאדער נאציאנאלע אייזנבאנען, וועלכער איז דא אויפן וועג פון פרינס־רופערט, דערקלערט אין אן אינטערוויו מיט דער פרעסע, אין ענטפער אויף דער פראגע וועגן דעם, וואס ער דיינקט, ווי לאנג דער קריזיס וועט נאך אנהאלטן.

"ניט זייענדיק נאריש אפטימיסטיש", — האט סער הענרי געזאגט, — "בין איך אבער מיט דער מיינונג, אז די לאגע הויבט זיך שוין אן בעסערן, און קומענדיקן פרילינג וועלן מיר שוין גאנץ גוט קאנען באמערקן דעם אנקום פון בעסערע צייטן. מיר קאנען זיך טרייסטן דערמיט, וואס די לאגע קאן שוין ניט זיין פיל ערגער ווי זי איז איצט, און די סמנים צייגן, אז די לאגע בעסערט זיך.

א קריזיס, האט ער ווייטער געזאגט, איז קיין נייעס ניט. מיר האבן א סך קריזיסן געהאט, און מיר וועלן נאך אזעלכע האבן, און יעדן מאל מיינען מענשן, אז עס עקט זיך די וועלט. עס ווערט אבער בעסער, און מענשן פארגעסן זיך ביסלאכווייז אויף די שלעכטע צייטן.

סער הענרי טארנטאן האט צוגעגעבן אז די לאגע פון די אייזנבאנען האט דערגרייכט דעם ערגסטן פונקט. דער פאסאזשיר און פראכט פארקער זיינען געפאלן אין אן אומגלויבלאכער מאס. און די גראס פארדינסטן פון דער סי. ען. אר. זיינען פאר לעצטן יאר געפאלן פון 306 מיליאן דאלאר צו 175 מיליאן דאלאר, — כמעט אויף האלב. דאס זעלבע האט אבער פאסירט אויך מיט יעדער אנדער אייזנבאן סיי אין אמעריקע, און סיי אין איראפע.

(::)

קארבינער אידן דערלויבט צו שפילן אידיש טעאטער

קארבין, אקט. 5 (איטא). — נאך א לאנגן קאמף, איז דער אידישער קהלה פון קארבין געלונגען צו קריגן א דערלויבעניש פון דער מאנדזשורישער רעגירונג צו שפילן אידיש טעאטער.

דעם פארבאט אויף אידישן טעאטער ביז איצט האט די רעגירונג דערקלערט דערמיט וואס זי האט ניט געהאט קיין צענזור אויף אידיש.

(::)

צו גאסט אין שטאט

מר. און מרס. ב. פערלמאן, פון קאלגארי, אלטא., געוועזענע באקאנטע תושבים פון וויניפעג, זיינען אויף א באזוך אין שטאט. זיי זיינען די געסט פון מרס. פערלמאנס עלטערן, מר. און מרס. משה פערלמאן, פלארא עווע., און פון דער משפחה.

"דגניה" עלעקטריפיצירט מיט מערב קאנאדער הילף

מיט א געוויסער צייט צוריק האבן מר. בארדען, וויניפעג, און מר. ב. צוקערמאן, סאסקאטון, געזאמלט אין מערב קאנאדע א פאנד פאר דער עלעקטריפיקאציע פון דער קבוצה דגניה, אין ארץ־ישראל. א געוויסע סומע איז געזאמלט געווארן און איבערגעשיקט געווארן פאר דעם צוועק.

א קייבלגראם וואס מר. בארדען האט די טעג געקראגן פון י. באראץ, פון ארץ־ישראל, באשטעטיקט די קבלה פונם געלט און דעם אנפאנג פון די עלעקטריפיקאציע ארבעטן אין דגניה. ער גיט אבער צו, אז די סומע איז ניט גענוג פאר דער ארבעט, און מער געלט וועט נויטיק זיין, איידער דער פראיעקט וועט דורכגעפירט ווערן.

דייטשלאנד געווארנט קעגן טעטיקייטן פון די אנטיסעמיטן

ניט בלויז יהודה, נאר נאך עפעס וועט פארניכטעט ווערן, זאגט בערלינער טאגעבלאט. — רעגירונג נעמט אן שטרייינגערע מיטלען קעגן די "נאצים"

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בערלין, אקט. 5 (איטא). — א ווארנונג צו דייטשלאנד, צו דער רעגירונג און צום פאלק, קעגן די געפארן פון די אנטיסעמיטישע טעטיקייטן פון די נאצים, איז געמאכט געווארן נעכטן אין "בערלינער טאגעבלאט" פון טעאדאר וואלף, רעדאקטאר פון דער צייטונג.

"סיידן די דייטשע רעגירונג זאל אננעמען שטרייינגע מיטלען קעגן די היטלעריסטן און אלע אנשטענדיקע דייטשן זאלן אויפגעבן זייער פאסיוויטעט און אנפאנגען אן ערנסטן קאמף קעגן דעם היטלעריסטישן קריגס רוף 'יהודה זאל פארניכטעט ווערן', — שרייבט וואלף, — "וועט אין דייטשלאנד עטוואס פארניכטעט ווערן אויסער יהודה".

די אנטי־אידישע אויסברוכן די — אקט 18, 1920, איז געווען דעם 6טן טאג אין חשון. צווייטע נאכט ראש־השנה, שרייבט וואלף, זיינען בלויז אן אנצוהערעניש אויף וואס עס קאן פאסירן, ווען די היטלעריסטן זאלן ניט אונטערדריקט ווערן.

בערלין, אקט. 5 (איטא). — די שטרייינגערע מיטלען וואס די רעגירונג האט אנגענומען פאר דער אונטערדריקונג פון דער היטלעריסטישער פראפאגאנדע, האט ארויסגערופן די העפטיקסטע פראטעסטן פון דעם "פעלקישן באאבאכטער", היטלערס הויפט ארגאן. די צייטונג באקלאגט זיך, אז די רעגירונג האט אין איין טאג צייט פארבאטן די אויסגאבע פון דריי נאצי ארגאנען.

גלייכצייטיק האט דער פאליציי פרעזידענט פון שטעטין פארבאטן וועלכע ס'איז נאצי פארזאמלונגען ביז מארט, 1932, און דערלויבט זיי ניט וועלכע ס'איז פארזאמלונגען אין די גאסן.

ווינניפעג האט געהאט הייסטען טאג אין קאנאדע לעצטן פרייטאג

מיט א טעמפעראטור פון 84 גראד, איינער פון די ווארימסטע אקטאבער טעג אין דער היגער געשיכטע, איז וויניפעג לעצטן פרייטאג געווען דאס הייסטע פלאץ אין קאנאדע. ברענדאן איז געשטאנען נאענט צו וויניפעג מיט 81, און אטאווא — מיט 80.

שבת האט עס אבער שוין א בלאז געטאן דא מיט הארבסט, און די טעמפעראטור, אונטער א פארוואלקנטען הימל, איז שטארק געפאלן.

(::)

בריוו קאסטן

מרס. ע. בינס, וויקטאריא, ב. ק.

געשניטענע שכירות פארשארפן דעם קריזיס, דערקלערט וויל. גרין

וואנקאוווער, אקט. 4. — וויליאם גרין, פרעזידענט פון "אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר" האט ריידנדיק ביי א פארזאמלונג פון דעם בילדינג טריידס דעפארטמענט געזאגט, אז די ארגאניזירטע ארבעטערשאפט וועט אנפירן א פארביטערטן קאמף קעגן דער שכירות רעדוקציע עפידעמיע וואס האט זיך שטארק פארשפרייט.

"איך שרעק זיך פאר די רעזולטאטן וואס וועלן נאכגעפאלגט ווערן פון דער זינלאזער און הארצלאזער פאליטיק צו שניידן די שכירות ביי די ארבעטער. פראספעריטעט וועט קיינמאל ניט קומען צוריק, סיידן די ארבעטער וועלן צוריק באקומען זייערע שכירות פאר וועלכע זיי האבן געקעמפט", האט ער געזאגט.

"די צייט איז געקומען פאר א קירצערער ארבעטס וואך סיי אין געזעלשאפטלאכער, סיי אין פריוואטער באשעפטיקונג. די ניט ארגאניזירטע ארבעטער וועלן נאך זען, ניט איינע, נאר צוויי און דריי רעדוקציעס אין זייערע שכירות. די רעדוקציעס אין שכירות האבן אפגעטויטעט די קויפקראפט פון פערציק מיליאן ארבעטער אין די פאראייניקטע שטאטן. די דאזיקע ארבעטער אין די פאראייניקטע האבן געקויפט וויניקער וויפל זיי האבן געקאנט נוצן, נאך איידער מען האט געשניטן זייערע שכירות, אבער איצט האבן זיי כמעט אינגאנצן אויפגעהערט קויפן.

"די לאגע פון דער גאנצער וועלט, און אין די פאראייניקטע שטאטן איז אלארמירנד. עס איז איצט א סך ערגער ווי מיט א יאר צוריק, און מיר טרעטן איצט אריין, האט ער געזאגט, אין א דריטן יאר פון ארבעטסלאזיקייט".

אטארני דזשענעראל באשולדיקט עסטעוואן. סטרייקער אין קאמוניזם

9 פון ארעסטירטע ארויסגעלאזן אויף ערבות, און 5 פארהאלטן. — פראצעס אפגעלייגט ביז מארט

רעדזשיינא, סאסק., אקט. 5. — אין ענטפער אויף א פראטעסט פון סאסקאטונער טרייד און לייבאר קאונסיל פון סאסקאטון קעגן די עסטעוואנער פאסירונגען, האט אטארני דזשענעראל מעקפערסאן דערקלערט, אז דער סטרייק ווערט אנגעפירט פון מענשן פארבונדן מיטן רויטן אינטערנאציאנאל, וואס באקעמפן די לעגיטימע יוניאנס.

ער האט אויך דערקלערט, אז די פירער האבן אויסגעמידן די רעגירונגס פארשטייער וואס האבן געזוכט צוזאמענצוברייננגען די צדדים, און אז די סטרייקערס האבן לעצטן דינסטאג געגרייט זיך צו א קאמף מיט דער פאליציי, ווייל זיי זיינען געווען באוואפנט מיט שטיינער און אפילו פייערגעווער.

ווען די ארעסטירטע סטרייקערס זיינען פארגעבראכט געווארן פאר היגן ריכטער הענאן, האט זייער פארטיידיקער, סאלאמאן גרינבערג, פון וויניפעג, גע'פועל'ט, אז זיי זאלן גע'משפט ווערן פאר א געשווארענעם געריכט אין עסטעוואן. די זיצונג פונם געריכט וועט זיך עפענען אין עסטעוואן ערשט מארט 3טן, 1932.

9 פון די אנגעקלאגטע זיינען ארויסגעלאזן געווארן אויף ערבות (בייל) פון טויזנט ביז פיר טויזנט דאלאר יעדערער. פינף פון די אנגעקלאגטע זיינען פארהאלטן געווארן אן ערבות. זיי זיינען: מארטין דעי, פיטער סמאריק, דזשא בערנאטס, איזאדאר מינסטער און דייוו ראוזען.

פרייטאג איז געשטארבן איינער פון די געפערלאך פארוואונדעטע סטרייקערס, ברייננגענדיק די צאל קרבנות צו דריי.

די הויפט פירער פונם סטרייק, מארטין פארקין, סעם סקארלעט און דזשיימס סלאון, זיינען נאך פון דער פאליציי ניט געפונען געווארן.

(::)

באנוצט זיך מיט היפנאטיזם אנשטאט אנעסטעטיק אין ציין אפעראציע

ניויארק, אקט. 4. — די "ברוקלין איגל" באריכטעט וועגן א בלוטלאזער און שמערצלאזער דענטאל אפעראציע וואס איז דורכגעפירט געווארן מיט דער הילף פון היפנאטיזם, אנשטאט אנעסטעטיק.

די צייטונג זאגט, אז דער דאזיקער עקספערימענט איז ביינגעוואוינט געווארן פון איר אייגענעם וויסנשאפט רעדאקטאר פון א צאל וויסנשאפטלייט אין די אפיסעס פון דר. א. דזש. ברוקלאכער, א דאנטיסט אין ברוקלין.

וואלטער ל. ארטאן, מעכאניק אינזשענער, האט געהאלטן א פרוי, וועמעס נאמען עס ווערט אנגעגעבן אלס "מיס מ. וו.", אונטער היפנאטיש איינפלוס פאר 15 מינוט צייט, און דר. ברוקלאכער האט ביי איר ארויסגעצויגן א צאן. ער האט איינגעשניטן איר גומען און ער האט פון דארטן ארויסגענומען א ביין.

ערשטע שיף פון טשורטשיל אנגעקומען בשלום קיין ענגלאנד

לאנדאן, אקט. 5 (איטא). — די שיף "פארנוואורט", די ערשטע שיף פון דעם נייעם הארבאר־ים האפן, טשורטשיל, געלאדן מיט מערב קאנאדער ווייץ, איז אנגעקומען אהער בשלום מיט איר לאד מיט א סך שעה'ן פריער, איידער מען האט זי דערווארט.

די שיף, געלאדן מיט 271 טויזנט בושל ווייץ, האט געמאכט די רייזע פון מערב קאנאדעס נייעם פארט אין 16 טעג צייט, — א שנעלע רייזע פאר א שווער געלאדענער פראכט־שיף. דער דאזיקער טעסט־לאד איז געווען דערפאלגרייך אין אלע הינזיכטן, און האט קלאר דערוויזן, אז דער נייער מארשרוט, וואס איז פון א סך באטראכט געווארן ווי אן אומעגלאכער אייזים, איז פראקטיש אין אלע הינזיכטן.

דער נייער מארשרוט האט דערנענטערט מערב קאנאדע צום וועלט־מארק אויף טויזנט מייל.

דער דערפאלג פון דער רייזע, האפט מען, וועט פארקלענערן די פארזיכערונגס ראטע, וואס איז געווען צו הויך און האט געמאכט די טראנספארטאציע קאסטן טייערער, ווי זיי האבן געדארפט זיין.

אן אפיציעלע אויפנאמע פאר דער מאנשאפט פון דער ערשטער ווייץ־שיף פון טשורטשיל ווערט היינט געגעבן פון דער בריטישער רעגירונג און פארשטייער פון דער קאנאדער קאלאניע אין לאנדאן.

(::)

טעג־טאג פון פאלקס־ביבליאטעק אפגעלייגט

צוליב דעם וואס אן אנדער הויז־צו־הויז זאמלונג ווערט דורכגעפירט קומענדיקן זונטאג, אקט. 11טן, האט די פאלקס־ביבליאטעק אפגעלייגט איר טעג טאג געפלאנט אויפן זעלבן טאג.

אפגעזאגטער איד געווינט פראצעס קעגן פוילישער רעגירונג

ריכטער פסקנ'ט, אז אידישער ארבעטער איז ניט געזעצלאך אפגעזאגט געווארן פון מאנאפאליזירטער פאבריק

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ווארשע, אקט. 5 (איטא). — דער ערשטער פראצעס קעגן דער פוילישער רעגירונג פון א אידישן ארבעטער, וועמען מען האט ארויסגעווארפן פון דער ארבעט, אזוי שנעל ווי די פאבריק איז מאנאפאליזירט געווארן פון דער רעגירונג, — האט זיך געענדיקט מיט א זיג פאר דעם אידן.

דער אנקלעגער איז געווען איינער א איד מיטן נאמען איזיק לאנגסאם, וועלכער האט יארן־לאנג געארבעט אין דער טאבאק פאבריק "רעקארד". ווי נאר די פאבריק איז איבערגענומען געווארן פון דער רעגירונג, איז ער, ווי אנדערע אידישע ארבעטער, אפגעזאגט געווארן.

לאנגסאם האט אנגעקלאגט די רעגירונג אין געריכט פאר אפזאגן אים אן גענוגנדיקע אורזאכן, און דער ריכטער האט איצט גע'פסקנ'ט, אז ער איז אפגעזאגט געווארן אומגעזעצלאך און דארף איצט קריגן א באלוינונג פון דער רעגירונג.

פעלד ארגאניזער פון איד. אימיגראנטן הילף פאראיין אין אנטעריא

מאנטרעאל. — דער פעלד ארגאנייזער פון אידישן אימיגראנטן הילפס פאראיין, מר. ש. קאפלאן, איז אפגעפארן קיין אנטאריא. ער וועט באזוכען: קארנוואל, קינגסטאן, בעלוויל, האמילטאן, סט. קעטערינס, וועלאנד, לאנדאן, קיטשענער, בראנדפארד, פיטערבארא, נארד־בעי, קירקלאנד־לייק, אנסענגוויל און טימינס.

מר. קאפלאן וועט דארט אויפקלערען די פראבלעמען וועלכע שטייען היינט פארן אידישן אימיגראנטן הילפס פאראיין אין קאנאדע און צוזאמען מיט די קאמיטעטן פון דעם פאראיין אין די אויסגערעכנטע שטעט, וועט ער זוכן די שטיצע פון די דארטיקע אידן.

מר. קאפלאן האט אין פארלויף פון דעם יאר דורכגעפירט די זעלבע מיסיע אין דער וועסט, אין קוועבעק און אין די מאריטימע פראווינצן. דארט האט יעדער פראווינציעלער מיטגליד פון דעם אידישן אימיגראנטן הילפס פאראיין אויף דאס יאר ערנהאפט דערפילט זיין חוב לגבי זיין ארגאניזאציע און דערמיט דעמאנסטרירט, אז דער אידישער אימיגראנטן הילפס פאראיין איז אן אל־קאנאדישע אינסטיטוציע, וואס דארף באדינען אלע אידן פון קאנאדע און ניט פון מאנטרעאל אליין, און דארף גלייכצייטיק געשטיצט ווערן פון אלע אידן פון קאנאדע. ס'איז דעריבער זיכער, אז דעם זעלבן קבלת פנים וועט מר. קאפלאן געפינען אויך אין די אויסגערעכנטע שטעט פון אנטעריא.

מר. קאפלאן, וועלכער דארף זיין גוט באקאנט אונזערע לעזער דורך זיינע ארטיקלען איבער דער קאנאדער פראווינץ, האט אונז אויך דאס מאל פארשפראכן צו שיקן א רייע ארטיקלען וועגן דעם היינטיקן צושטאנד פון די אידישע קהלות און שטעט, וועלכע ער וועט איצט באזוכן.

פאראורטיילט צום טויט אין טשיטא פאר דערמארדן אין כינע א אידן וואס האט גערעדט אידיש

מערדער איז אנטלאפן פון דער כינעזישער גערעכטיקייט און איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער סאוועטישער

מאסקווע, אקט. 5 (איטא). — א טויט־אורטייל איז נעכטן ארויסגעגעבן געווארן אין טשיטא, אויפן ווייטן מזרח, קעגן געערני דומקין, א געוועזענער ווייס־גווארדייאישער אפיצער, וועלכער האט אין יאר 1927 דערשאסן אויף טויט אין מאנדזשוריע אן עלטערן אידן מיטן נאמען לייב ווילענסקי, און האט שווער פארוואונדעט א צווייטן, מיטן נאמען שלום ביכאווסקי.

דעם אנפאל אויף די אידן האט דומקין געמאכט אויף אן אייזנבאן סטאנציע, און די אורזאכן פון דער אטאקע איז געווען בלויז דאס, וואס די אידן האבן צווישן זיך גערעדט אידיש, וואס האט אים שרעקלאך אויפגעבראכט.

דומקין איז מיט איינציקע חדשים צוריק אנטלאפן פון א מאנדזשורישער טורמע, וואוהין ער איז פארזעצט געווארן פון דער כינעזישער גערעכטיקייט און האט געפראוווט אריינ'גנב'ענען זיך אין סאוועט רוסלאנד. ער האט אבער געטראפן פון פייער אין פלאם: ער איז געכאפט געווארן פון סאוועטישע סאלדאטן ביי דער גרעניץ, און נאכדעם ווי ער איז דערקענט געווארן, האט ער געקראגן א טויט־אורטייל אין סאוועטישן געריכט.

(::)

מאקדאנאלד און הענדערסאן דערקענען זיך ניט, ווען זיי באגעגענען זיך אין צוג

לאנדאן, אקט. 3. — ערשט מיט א קורצער צייט צוריק זיינען ראמזי מאקדאנאלד און ארטור הענדערסאן געווען די נאענטסטע מענשן, פאר צענדליקער יארן געארבעט צוזאמען און געקעמפט צוזאמען. און הענדערסאן איז געווען אויסערן מיניסטער אין מאקדאנאלדס קאבינעט.

היינט דערקענען זיי זיך מער ניט. לעצטן פרייטאג, ווען פרעמיער ראמזי מאקדאנאלד איז געפארן קיין סיהאם הארבאר, זיינען מיטן זעלבן צוג געפארן א צאל ארבעטער דעפוטאטן קיין סקארבארא, צו דער פארטיי קאנפערענץ. איינציקע פון די דעפוטאטן האבן פארפירט א שמועס מיט זייער געוועזענעם חבר און פירער. אבער ווען ארטור הענדערסאן איז פארביינגעגאנגען אין דעם וואגאן, האבן ביידע ארבעטער פירער, דער געוועזענער און דער איצטיקער, באטראכט איינער דעם צווייטן ווי פרעמדע, ניט באגריסנדיק זיך.